# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................8:12
מוצאי שב"ק....................9:43

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............................הושע ו'-ז'
בבלי....................עבודה זרה ג'
ירושלמי...................יבמות פ'
תוספתא............בבא בתרא ב'
רמב"ם.......................מכירה ה'

פרשת שלח, מברכים חודש תמוז, כ"ה סיון, שנת תשפ"ה לפ"ק, אבות פרק ג' — שנה 14, גליון 39 (707)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

לֹא נוּכַל לַעֲלוֹת אֶל הָעָם כִּי חָזָק הוּא מִמֶּנּוּ, דִי מְרַגְלִים הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן, מִיר וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען גֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל דִי גוֹיִם זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער. זָאגְט רַשִׁ"י אַז זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט זֵיי, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן נ"ח) אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען אַז אַ צַדִיק וָואס אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ לָאזְן צוּ דִי וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָא אוֹיף דִי גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע וֶועלְט, וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן גַשְׁמִיוּת. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי, פַארְקֶערְט, וִוי גְרֶעסֶער דֶער צַדִיק אִיז, אַלְץ מֶער וֵוייסְט עֶר וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס עֶר אִיז דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער וָואס אִיז נָאר שַׁיָיךְ, גְרֶעסֶער אוּן הֶעכֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן פִירְט עֶר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן דִי מְרַגְלִים, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אַז דָא וֶוען מֶען אִיז אִין מִדְבָּר, פִירְט טַאקֶע דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי אִידְן שֶׁלֹא כְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, מֶען גֵייט מִיט וָואלְקֶענֶעס, מֶען עֶסְט מָן פוּן הִימְל, מֶען טְרִינְקְט פוּנֶעם שְׁטֵיין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אָבֶּער דָארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז פוּל מִיט גוֹיִם, אַלֶעס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּלָאזְן דָארְט אִין אַזַא מַצָב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּ גְרוֹיס זִיךְ אַרָאפּ צוּ לָאזְן דָארְט.

דָאס אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען זֵייעֶר טָעוּת. פַארְקֶערְט, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, לָאזְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי וֶועלְט, אוּן עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דִי וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט טַאקֶע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַז דִי גוֹיִם אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְן זַיין פַארְנוּמֶען צוּ בַּאעֶרְדִיגְן זֵייעֶרֶע טוֹיטֶע, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי מְרַגְלִים, אָבֶּער דִי מְרַגְלִים הָאבְּן אַלֶעס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ שְׁלֶעכְטְס.

דִי מְרַגְלִים הָאבְּן גֶעזָאגְט, **וְשָׁם רָאִינוּ אֶת הַנְּפִילִים**, זָאגְט רַשִׁ"י אַז דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער פוּן דִי מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן פוּן הִימְל, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מַלְאָכִים וָואס הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר וֶועט זִינְדִיגְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעזָאגְט: "אוּמְזִיסְט וֶוער אִיךְ אָנְגֶערוּפְן רַחוּם וְחַנוּן? אוֹיב זֵיי וֶועלְן זִינְדִיגְן וֶועלְן זֵיי תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אִיךְ וֶועל זֵיי צוּרִיק נֶעמֶען", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט דִי מַלְאָכִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, צוּ זֶען אוֹיב זֵיי וֶוען זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט.

דָאס הָאבְּן דִי מְרַגְלִים גֶעזֶעהְן דִי נְפִילִים, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז אֲפִילוּ דִי מַלְאָכִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי אַזוֹי וֶועלְן זִיךְ דִי אִידְן קֶענֶען דָארְט דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע וֶועלְט, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ גְרֶעסֶערֶע כֹּחַ פוּן אַ מַלְאָךְ, עֶר קֶען זִיךְ יָא דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיב מֶען זִינְדִיגְט קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דֶער רַחוּם וְחַנוּן - נֶעמְט יֶעדְן אָן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שְׁלַח תש"ס)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### ס'אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם, עֶר דֶערְזֶעט זִיךְ אִין אַ צָרָה, אִין אַ שְׁוֶועריקֵייט, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס, דַארְף עֶר אֵייבִּיג וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ וֶועג אַרַיין צוּם פְּרָאבְּלֶעם, אִיז אוֹיךְ דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּנֶעם פְּרָאבְּלֶעם. דֶער עִיקָר אִיז אַז מֶען טָאר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלִירְן אוּן קְלֶערְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין עֶק וֶועלְט, עֶס אִיז אַלֶעמָאל דָא אַ וֶועג אַרוֹיס.

מֶען דַארְף וִויסְן אַז אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן, סַיי וָואס מֶען וֶועט נָאר וֶועלְן טוּן אוּן אוֹיסְפִירְן, וֶועלְן אֵייבִּיג זַיין אוֹיף דֶעם שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, דָאס לֶעבְּן גֵייט נִישְׁט אֵייבִּיג אַזוֹי גְלַאטִיג, עֶס מַאכְן זִיךְ אַלֶעמָאל שְׁטֶערוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, דֶער עִיקָר חָכְמָה אִין לֶעבְּן אִיז צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן דִי אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען הָאט אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּגֶעשְׁטֶעלְט, צוּ זֶען וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס הַאנְדְלֶען. אוּן מִיט דִי רִיכְטִיגֶע רָצוֹן, מִיט אַן אֱמֶת'ן ווִילְן, קֶען מֶען אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ו) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט נִישְׁט קַיין שְׁוֶועריקֵייטְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, נָאר אוֹיף וִויפִיל זַיינֶע כּוֹחוֹת קֶענֶען דֶערְהֵייבְּן. אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ אַ גֶעוִויסֶע שְׁוֶועריקֵייט אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט טַאקֶע דִי כּוֹחוֹת

<<<<<<

## א גוט ווארט

יֶעצְט וֶוען אִיר גֵייט אַרִיבֶּער וְכוּ' אוּן אֵייעֶר אֱמוּנָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק אוּן אִיר וֶוערְט נִישְׁט צֶעפַאלְן, אִיר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת מִיט קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ זֵייעֶר לִיבּ, וַוייל דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ פוּן אַ אִיד, עֶר אִיז פֶעלְזְן פֶעסְט מִיט דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִירְט זִיךְ מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס אִיז פִּינְקְטְלִיךְ, נִישְׁטָא קַיין טָעוּתִים, נִישְׁטָא קַיין פֶערְצוּפַאל.

אוּן יֶעצְט אִיז פַּאסִיג פַאר אַייךְ דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנה): "וֵוייסְטוּ וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ? אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד", אֵיינֶער וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוּן קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַעֲלוֹתְךָ תשפ"ה)



דער מולד וועט זיין: מיטוואך ביינאכט 58 מינוט און 4 חלקים נאך 9 | ראש חודש תמוז יהיה ביום החמישי ולמחרתו ביום הששי

### בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# גָאר פְרֵיילִיךְ, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַ שְׁטוּב דַארְף זַיין גֶעבּוֹיט פוּן אֵיין זַייט שְׁטְרֶענְג, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט פְרֵיילִיךְ, מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א פְלֶעגְט בֵּיי דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת מַאכְן גָאר פְרֵיילִיךְ, אוּן אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין.

בֵּיידֶע זֶענֶען גָאר וִויכְטִיג, פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען זָאגְן פַאר קִינְדֶער וָואס צוּ טוּן, מֶען דַארְף זֵיי לֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סה): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מֶען דַארְף לֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, מֶען דַארְף זֵיי לֶערְנֶען וָואס צוּ טוּן אוּן וָואס צוּ מַאכְן, אוּן פַארְלַאנְגֶען זֵיי זָאלְן פָאלְגְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט מוּז דָאס זַיין בַּאגָאסְן מִיט שִׂמְחָה, עֶס דַארְף זַיין זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. בִּפְרַט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּב, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): "צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת", מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, "כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", וַוייל שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן טֵייעֶר, "וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ, וְלִבְלִי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה'", מֶען טָאר נִישְׁט זַיין טְרוֹיעֶרִיג שַׁבָּת אוּן נִישְׁט זַיין פַארְזָארְגְט שַׁבָּת, נָאר פְרֵיילִיךְ.

נֶעם דַיינֶע קִינְדֶער אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת. דָאס אִיז חִינוּךְ, לֶערְן זֵיי אוֹיס וִוי זִיךְ צוּ פִירְן אִין מִקְוֶה; נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט קוּקְן. לֶערְן זֵיי אוֹיס צוּ שְׁטֵיין אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם וַואנְט מִיט אֵיידְלְקֵייט, לֶערְן זֵיי אוֹיס וִוי זִיךְ אוֹיסְצוּטוּן אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ אָנְצוּטוּן, וָואס עֶרְשְׁט אוּן וָואס צְוֵוייט וְכוּ'. קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין עֶפֶּעלֶעךְ וָואס וַואקְסְן אַרוֹיס פוּן בּוֹים, קִינְדֶער דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אוּן אוֹיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ.

נָאךְ דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, וֶוען דוּ בִּיסְט מִיד אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, זָאלְסְטוּ אַוֶועק גֶעבְן צְוֵויי דְרֵיי מִינוּט צוּ בֶּענְטְשְׁן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער. גֶעוֶוענְלִיךְ לוֹיפְן דִי קִינְדֶער בַּיים עֶנְדֶע סְעוּדָה צוּ דִי שְׁפִּילְצֵייג, דַארְף מֶען זֵיי רוּפְן צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען טוּן דִי מִצְוָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ קוּמֶען שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען. עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי זִיךְ אַיינְגֶעוואוֹינֶען אוֹיפְשְׁטֵיין שְׁפֶּעט וְכוּ' אוּן זוּכְן אַ שְׁפֶּעטֶע מִנְיָן. אִיךְ וִויל זָאלְסְט פִירְן דַיין שְׁטוּב גֶעזוּנְט, דִי שַׁבָּת סְעוּדָה מַאכְט מֶען נִישְׁט נָאכְמִיטָאג, דִי שַׁבָּת סְעוּדָה מַאכְט מֶען פַאר חֲצוֹת, אוּן דָאס קֶען נָאר זַיין אַז מֶען דַאוֶוענְט אִין צַייט, אוּן אַז מֶען וִויל זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן קֶען מֶען זִיךְ אָפְּרוּעֶן נָאכְמִיטָאג; דִי נָאכְמִיטָאג אִיז אַזוֹי לַאנְג, מֶען קֶען זִיךְ סַיי אָפְּרוּעֶן אוּן סַיי אַסַאךְ לֶערְנֶען, זָאלְסְטוּ גֵיין דַאוֶוענֶען פְרִי אוּן מַאכְן דִי סְעוּדָה פְרִי. פִיר דַיין שְׁטוּב גֶעזוּנְט, פִיר דַיין שְׁטוּב רִיכְטִיג, מַאךְ נִישְׁט נָאךְ דֶעם אוּן יֶענֶעם, קוּק אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן אַזוֹי פִיר דַיין שְׁטוּב.

עֲצָתוֹ אֱמוּנָה זָאל זַיין דַיין שַׁבָּת סֵפֶר, אוֹיךְ אִינְדֶערְוָואכְן זָאלְסְטוּ דָאס לֶערְנֶען, אָבֶער שַׁבָּת זָאלְסְטוּ דָאס לֶערְנֶען אוּן וואוּ דוּ זֶעסְט אַ תְּפִילָה, אַ גֶעבֶּעט - זָאלְסְטוּ דָאס מִיט זָאגְן וָוארְט בֵּיי וָוארְט. זָאג דִי תְּפִילוֹת מִיט גֶעוֵויין, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען דַיין שֵׂכֶל אוּן פִירְן דַיין שְׁטוּב מִיט דִי עֵצוֹת פוּן צַדִּיקִים.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַעֲלוֹתְךָ תשפ"ה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

ע. עַל יְדֵי שִׂמְחָה, תָּבוֹא תְּפִלָּתְךָ בְּהֵיכַל מֶלֶךְ. דוּרְךְ שִׂמְחָה, וֶועט דַיין תְּפִלָּה אָנְקוּמֶען צוּם הֵיכָל פוּנֶעם קֶענִיג, צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

עא. מִי שֶׁאֵין לוֹ הֲנָאָה מִתְּפִלָּתוֹ, יִתְפַּלֵּל בְּרִנָּה. וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט הֲנָאָה פוּן זַיין דַאוֶוענֶען, זָאל דַאוֶוענֶען מִיט גֶעזַאנְג.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

דָאס אִיבֶּערְצוּקוּמֶען. וֶוען מֶען נֶעמְט דָאס גוּט אַרַיין אִין קָאפּ, גֵייט שׁוֹין דָאס לֶעבְן פִיל גְרִינְגֶער.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דֶערוֹיף אַ בַּיישְׁפִּיל פוּן אַ קִינְד. וֶוען מֶען וִויל אָנְרֵייצְן אַ קִינְד אַז עֶר זָאל וועלְן הָאבְּן אַ גוּטֶע זַאךְ, וֶועט מֶען אִים עֶס וַוייזְן אוּן נָאכְדֶעם עֶס גְלַייךְ בַּאהַאלְטְן, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַז דָאס קִינְד זָאל נָאךְ מֶער וועלְן אוּן שְׁטְרֶעבְן צוּ בַּאקוּמֶען דִי בַּאהַאלְטֶענֶע זַאךְ. דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ מִיט אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר וִויל צוּקוּמֶען צוּ אַ גוּטֶע זַאךְ, וֶועט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּמָאל בַּאהַאלְטְן, עֶר וֶועט אִים אוּנְטֶער שְׁטֶעלְן שְׁוֶועריקֵייטְן אוֹיפְ'ן וֶועג, אוּן דָאס וֶועט נָאךְ מֶער אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי חֵשֶׁק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל עֶס דַוְקָא יָא וועלְן בַּאקוּמֶען. אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְן זַיין רָצוֹן, עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן וַוייטֶער מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, וֶועט עֶר דוּרְכְבְּרֶעכְן אוּן אַרִיבֶּערְגֵיין אִיבֶּער אַלֶע סָארְט שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן אָנְקוּמֶען צוּ זַיין צִיל. דִי "מְנִיעוֹת", דִי שְׁטֶערוּנְגֶען, וֶועלְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן צוּ "נְעִימוּת", צוּ אַ זִיסְקֵייט.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אַ אִיד זִיךְ צוּ דוּרְכְרֶעדְן אוּן בֶּעטְן אַן עֵצָה אִיבֶּער אַ גֶעוִויסֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט דוּרְכְפִירְן, עֶר הָאט אָבֶער גֶעהַאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען. עֶס אִיז גֶעוֶוען דַאן פְרַייטָאג פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן עֶר הָאט פּוּנְקְט גֶעהַאלְטְן בַּיים פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כ"ב, ד') "וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם מֵרָחֹק", דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט דָארְט אַז וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעטְרָאגְן זַיין זוּן יִצְחָק צוּ דִי עֲקֵידָה, הָאט עֶר גֶעזֶען דֶעם פְּלַאץ פוּן דֶער וַוייטְנְס, זָאגְט רַשִׁ"י וִוי אַזוֹי הָאט עֶר גֶעוואוּסְט וואוּ דֶער פְּלַאץ אִיז? וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַ וָואלְקְן אוֹיפְ'ן בַּארְג.

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד וואוּ עֶר הַאלְט, אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז מַמָּשׁ דֶער עֶנְטְפֶער צוּ זַיין פְּרָאבְּלֶעם. דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז, וִוי אַזוֹי זֶעט מֶען דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען דַארְף גֵיין? וֶוען מֶען זֶעט דָארְט אַ וָואלְקְן, מֶען זֶעט אַז דֶער וֶועג צוּם פְּלַאץ אִיז פַארְוָואלְקְנְט אוּן פַארְנֶעפְּלְט, דֶער וֶועג אִיז נִישְׁט גְלַייךְ אוּן גְלַאטִיג, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז מֶען אִיז אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט אָנְצוּגֵיין אוּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּנֶעם וָואלְקְן, אוּן דַאן אִיז מֶען מַצְלִיחַ אָנְצוּקוּמֶען צוּם צִיל.

### יֶעדֶער קֶען מַצְלִיחַ זַיין

לָאמִיר נֶעמֶען אַ בַּיישְׁפִּיל דֶער עִנְיָן פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן לֶערְנֶען נִישְׁט, וַוייל זֵיי קְלֶערְן אַז עֶס אִיז צוּ שְׁוֶוער, זֵיי הָאבְּן צוּפִיל שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען, אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען. אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס אֱמֶת'דִיג, וֶועט עֶר טְרֶעפְן וֶועגְן אִיבֶּערְצוּקוּמֶען דִי שְׁוֶועריקֵייטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ו) אוֹיף דֶעם וָואס מֶען פְרֶעגְט אַ מֶענְטְשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה", בִּפְשָׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט בַּאשְׁטִימְט אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶער דֶער וָוארְט "קֶבַע" קֶען אוֹיךְ מֵיינֶען גְנֵיבָה", טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט אַרָאפּ גֶע'גַנְבְ'ט צַייט צוּ לֶערְנֶען. אִיךְ וֵייס אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אִיבְּרִיג צַייט, אָבֶער הָאסְטוּ כָאטְשׁ פְּרוּבִּירְט אַרָאפְּצוּ'גַנְבְ'עֶנֶען אַבִּיסְל צַייט פַאר תּוֹרָה?

חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לה:) "הִלֵּל מְחַיֵּיב אֶת הָעֲנִיִּים, רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוּם מְחַיֵּיב אֶת הָעֲשִׁירִים, יוֹסֵף מְחַיֵּיב אֶת הָרְשָׁעִים" - דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוּן עֶר פַארֶענְטְפֶערְט זִיךְ פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ אָרֶעם, אָדֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ רַייךְ אוּן פַארְנוּמֶען מִיט דִי גֶעשֶׁעפְטְן, אָדֶער אַז עֶר הָאט גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, זָאגְט מֶען אִים אַז עֶר זָאל קוּקְן דִי צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אֲפִילוּ מִיט דִי אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן.

הִלֵּל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, וִוי דִי בַּאקַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אַז עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן דַאךְ אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁנֵיי צוּ קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דָאס לֶערְנֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דָאס גֶעלְט צוּ גֶעבְן פַארְ'ן שׁוֹמֵר פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ. רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוּם אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן אִים נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט פוּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט יוֹסֵף הַצַּדִּיק וָואס הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוּמְט אוֹיס אַז דִי צַדִּיקִים זֶענֶען מְחַיֵּיב יֶעדְן אֵיינֶעם, אַז וֶוער עֶס הָאט זִיךְ יָא אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט דִי סָארְט תֵּירוּצִים, וֶועט בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ.

<<<<<<

<<<<<< מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין, דֶער פָּסוּק זָאגְט דָאךְ (מִשְׁלֵי י"ז, כ"ו) "גַּם עָנוֹשׁ לַצַּדִּיק לֹא טוֹב", אַ צַדִיק זוּכְט נִישְׁט צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן מֶענְטְשְׁן, עֶר זוּכְט נִישְׁט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ דוּרְךְ אִים. אוּן דָא זָאגְן חַזַ"ל אַז דִי צַדִיקִים וֶועלְן בְּרֶענְגֶען אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט קַיין תּוֹרָה.

נָאר מֶען קֶען זָאגְן פְּשַׁט אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן יֶענֶע וֶועלְט, נָאר מֶען רֶעדְט טַאקֶע נָאךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. דֶער וָוארְט "מְחַיֵּיב" קֶען מֵיינֶען אַז זֵיי מַאכְן דֶערְפוּן אַ "מְחוּיָב הַמְּצִיאוּת" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) הִלֵל הָאט גֶעעֶפֶנְט אַ וֶועג אוּן גֶעווִיזְן פַאר יֶעדְן אַז אֲפִילוּ אַן אָרִימַאן הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ לֶערְנֶען. רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוֹם אִיז גֶעוֶוען אַ מוּסְטֶער צוּ וַוייזְן אַז אֲפִילוּ אַ פַּארְנוּמֶענֶער עוֹשֶׁר הָאט אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן יוֹסֵף הַצַדִּיק הָאט דֶערְקְלֶערְט אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אוּן פוּן זֵיי דַארְף זִיךְ יֶעדֶער אָפְּלֶערְנֶען אַז אֲפִילוּ מִיט אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, אִיז אֵייבִּיג דָא אַ וֶועג אַרוֹיס, עֶס אִיז אֵייבִּיג דָא אַ וֶועג אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אַלֶע סָארְט פְּרָאבְּלֶעמֶען.

מֶען קֶען אַמָאל טְרַאכְטְן אַז נָאר יֶעצְט זֶענֶען דָא דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען, שְׁפֶּעטֶער וֶועט שׁוֹין אַלֶעס זַיין מְסוּדָר, עֶס וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט אוּן גְלַאטִיג, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין.

אַ בָּחוּר טְרַאכְט אַז יֶעצְט הָאט עֶר טַאקֶע אַסַאךְ שְׁטֶערוּנְגֶען אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן, אָבֶּער וֶוען עֶר וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט עֶר זַיין גֶעהֶעריג מְסוּדָר, אוּן דַאן וֶועט עֶר זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין. וֶוען עֶר הָאט אָבֶּער חַתוּנָה זֶעט עֶר אַז עֶרְשְׁט דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי שְׁוֶועריקֵייטְן, אוּן דַאן וִויל עֶר עֶס אָפְּלֵייגְן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער וֶוען זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן שׁוֹין גְרוֹיס וֶוערְן, אוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר וַוייטֶער שְׁוֶועריקֵייטְן טַאקֶע פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר קְלֶערְט אַז נָאכְ'ן חֲתוּנָה מַאכְן אַלֶע קִינְדֶער, וֶועט עֶר שׁוֹין הָאבְּן אַ רוּאִיגְקֵייט, אָבֶּער דֶעמָאלְט קוּמֶען אוּנְטֶער אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דֶער כְּלַל אִיז: אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אֵייבִּיג נֶעמֶען אִין דִי הַאנְט אַרַיין, עֶר קֶען אֵייבִּיג אוֹיסְפִירְן אַלֶעס וָואס עֶר וִויל אֱמֶת'דִיג טוּן, סֵיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת. אָבֶּער אַלֶעמָאל וֶועלְן אוֹיךְ אוּנְטֶער קוּמֶען שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, אוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם הָאט אַ וֶועג אַרוֹיס, אוּן מֶען קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן דֶערוֹיף. דֶער עִיקָר אַז מֶען זָאל אַרַיין נֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל יֶעדֶע זַאךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ג' עֶרֶךְ מְנִיעוֹת)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# קֶען אִיךְ זִיךְ קְרִיגְן מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע?



**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ פָּאר אַרַיין יֶעדְן טָאג קַיין יְרוּשָׁלַיִם אוּן דִי בָּאס אִיז נִישְׁט אַזוֹי רֵיין, אַסַאךְ מָאל זִיצְן פְרוֹיעֶן אוֹיף דִי עֶרְשְׁטֶע פְּלֶעצֶער, וַאֲנִי אָנָה אֲנִי בָא. עֶס אִיז פוּל מִיט מֵיידְלֶעךְ אוּן וַוייבְּלֶעךְ אוּן אִיךְ דַארְף לוֹחֵם זַיין יֶעדֶע מִינוּט נִישְׁט צוּ קוּקְן, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ גֶעבּ שׁוֹין אוֹיף, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער.

קֶען אִיךְ זִיךְ בִּכְלַל קְרִיגְן מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע? עֶר אִיז דָאךְ אַ מַלְאָךְ אוּן אִיךְ בִּין נָאר אַ קְלֵיין מֶענְטְשֶׁעלֶע, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר וִוי מַיינֶע כּוֹחוֹת קוּמֶען צוּ אַ סוֹף.

ווִיל אִיךְ בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר מְחַזֵק מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם, אָדֶער רֶעדְן פוּן דֶעם נָאךְ אַ שִׁיעוּר אוּן נָאךְ אַ שִׁיעוּר, וַוייל אַז נִישְׁט וֶועט זִיךְ דִי מִלְחָמָה זִיךְ עֶנְדִיגְן נִישְׁט גוּט, מִיטְ'ן נִישְׁט גוּטְן גֶעוִוינֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעם זִיךְ מִיט אַ זֶעקְל סְפָרִים; אַ תְּהִלִּים, אַ מִשְׁנַיוֹת וְכַדוֹמֶה אוּן זַיי פַּארְנוּמֶען אוֹיפְן וֶועג מִיט לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, פַארְמַאךְ זִיךְ דִי אוֹיגְן אוּן שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּקוֹל דְּמָמָה דַקָּה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת", מֶען קֶען זִיצְן אִינְמִיטְן אַ פוּלֶע בָּאס מִיט מֶענְטְשְׁן אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין כְּאִילוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אִין פֶעלְד צְווִישְׁן בֵּיימֶער אוּן גְרָאז.

אַמָאל אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים פוּן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין עֵירְפָּארְט זָאגְט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ: "מֶען קֶען זִיךְ דָא צְווִישְׁן דִי הוּנְדֶערְטֶער מֶענְטְשְׁן מִתְבּוֹדֵד זַיין", מוֹהֲרָא"שׁ פְרֶעגְט מִיר: "וָואס דַארְפְסְטוּ? אַ וַואלְד? חַיוֹת? דָא הָאסְטוּ אַ וַואלְד מִיט חַיוֹת; וָואס זֶענֶען דֶען דִי אַלֶע אוֹיבּ נִישְׁט חַיוֹת? דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ז), אַ מֶענְטְשׁ אָן דַעַת אִיז קַיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט, עֶר אִיז אַ חַיָּה", אוּן אִיךְ גֶעבּ אַ קוּק וִוי מוֹהֲרָא"שׁ זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק, פַארְמַאכְט זִיךְ דִי אוֹיגְן אוּן הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִתְבּוֹדֵד זַיין כְּאִילוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִין פֶעלְד; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, פַארְמַאךְ זִיךְ דִי אוֹיגְן אוּן שְׁרֵיי: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַלֵיינְס, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא תשפ"ה)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רי)

**תשיב**

דֶערְוַוייל אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער דִי צַייט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט ר' יְחֶזְקֵאל טְרַאכְטִינְבֶּערְג צוּ מַאכְן דִי חֲתוּנָה נִישְׁט שְׁפֶּעטֶער פוּן הַאלְבּ חוֹדֶשׁ אָב (זֶע אוֹיבְן אִין סִימָן תש"ד), אוּן דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען קַיין בְּרֶסְלֶב אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו צוּ ר' יְחֶזְקֵאל טְרַאכְטִינְבֶּערְג.

דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם בְּרִיוו מִיט שֵׁיינֶע טִיטְלֶען, עֶר הָאט אַיינְגֶעמָאלְדְן אַז אַלֶעס אִיז אִין אָרְדֶענוּנְג בֵּיי אִים אוּן אַז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים בְּשָׁלוֹם. דֶער רֶבִּי לָאזְט אִים וִויסְן אַז עֶר הָאט עֶרְהַאלְטְן דֶעם בְּרִיוו אַז דִי כַּלָה קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ פָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב צוּלִיבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט פַּאסְפָּארְטְן אוּן אַז דֶער גְרֶענִיץ אִיז פַארְשְׁלָאסְן, אוּן אַז עֶר וִויל אַז דֶער רֶבִּי זָאל קוּמֶען צוּ פָארְן קַיין קְרֶעסִילוֹב צוּ מַאכְן דָארְט דִי חֲתוּנָה, אָבֶּער דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִים אוֹיף דֶעם אַז דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע זְמַן הַחֲתוּנָה אִיז שׁוֹין סֵיי וִוי בָּטֵל, אוּן אוֹיבּ וִויל מֶען אַז דִי שִׁידוּךְ זָאל וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין זָאל מֶען מוֹחֵל זַיין אוֹיפְ'ן כָּבוֹד אוּן יָא רוּפְן דִי חֲתוּנָה עֶרְגֶעץ וואוּ נָאנְט צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, אוּן נִישְׁט שְׁפֶּעטֶער פוּן הַאלְבּ חוֹדֶשׁ אֱלוּל אַז דִי חוּפָּה זָאל זַיין בְּמִילוּי הַלְּבָנָה, אוּן אוֹיבּ מֶען קֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְפִירְן, וֶועט דֶער שִׁידוּךְ זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן.

דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט וַוייטֶער אַז וֶוען דִי כַּלָה וֶועט זַיין בְּעֶרֶךְ דְרֵיי אָדֶער פִיר פַּרְסָאוֹת וַוייט, זָאל זִי שִׁיקְן צוּ אִים אַ שָׁלִיחַ, אוּן דֶער רֶבִּי וֶועט אִיר שְׁרַייבְּן דִי קְבִיעוּת מָקוֹם פַאר דִי חֲתוּנָה. אוּן מֶען זָאל זִיךְ זֶען אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אָן זַיין פַּאסְפָּארְט, סְפֶּעצִיעֶל אַז מֶען קֶען גְרִינְג קוּמֶען צוּ פָארְן אָן אַ פַּאסְפָּארְט.

דֶער רֶבִּי עֶנְדִיגְט צוּ דֶעם בְּרִיוו מִיט וַוארֶעמֶע בְּרָכוֹת אוּן וואוּנְטְשְׁן, אוּן אַז עֶר וַוארְט אוֹיף אַן עֶנְטְפֶער וִוי פְרִיעֶר, אוּן עֶר שְׁרַייבְּט זִיךְ אוּנְטֶער "הַמְּיוּעָד לִהְיוֹת חֲתָנוֹ", זַיין צוּקוּנְפְטִיגֶער אֵיידֶעם, מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען. אוּן בַּיים סוֹף שְׁרַייבְּט דֶער רֶבִּי צוּ אוֹיךְ אַ גְרוּס פַאר זַיין צוּקוּנְפְטִיגֶע שְׁוִויגֶער.

**תשיג**

דָאנֶערְשְׁטָאג, ט"ו אֱלוּל, אִיז פָארְגֶעקוּמֶען דִי חֲתוּנָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט זַיין צְווֵייטֶע וַוייבּ, דִי חֲתוּנָה אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אִינֶעם דָארְף וַואטְשָׁאק, נָאנְט צוּ בְּרֶסְלֶב.

<<<<<<

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז עֶס זָאל נָאר זַיין צֶען מֶענְטְשְׁן, אַ מִנְיָן, בֵּיי דִי חֲתוּנָה, אוּן נִישְׁט מֶער.

נָאךְ דִי חוּפָּה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס גֶעוֶוען בֵּיי זַיין חוּפָּה, הָאט מֶען אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

**תשיד**

רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע צַייט אִין שְׁטָאט מָאהְלוּב, עֶר הָאט גֶעוַוארְט מִיט זַיין וַוייבּ אַז זַיין שְׁוֶוער זָאל זִיךְ אוּמְקֶערְן אַהֵיים, אוּן דֶערְוַוייל הָאט זִיךְ גֶערוּקְט דִי צַייט נֶענְטֶער צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן גְרֵייטְן צוּ פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. זַיין וַוייבּ הָאט גֶעווּאוּסְט דֶערְפוּן, אוּן זִי הָאט אִים גֶעוָואלְט אָפְּהַאלְטְן פוּן פָּארְן, עֶס הָאט אָבֶּער גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעפָּארְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט נֶעמִירוֹב אוֹיף אַ שַׁבָּת פַּאר סְלִיחוֹת, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען דָארְט אוֹיף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ בֵּיי זַיין טַאטֶע. זַיין טַאטֶע הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר מֵיינְט עֶס עֶרְנְסְט פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֶועט אִים סַיי וִוי נִישְׁט קֶענֶען צוּרִיקְהַאלְטְן, וַוייל עֶר אִיז גָאר שְׁטַארְק בֵּיי זִיךְ.

**תשטו**

מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעפָּארְן פוּן נֶעמִירוֹב קַיין בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען נָאךְ פַּארְ'ן זָאגְן סְלִיחוֹת, עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בַּיים אַרַיינְקוּמֶען אִין שׁוּל זָאגְן סְלִיחוֹת מִיטְ'ן עוֹלָם.

נָאךְ סְלִיחוֹת אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן אִין זַיין חֶדֶר מְיוּחָד, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט רֶבִּי נָתָן אוּן אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אוּן בֵּיי דֶעם שְׁמוּעֶס הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אַז וֶוען מֶען אִיז שְׁוַואךְ אִין אֱמוּנָה, דַארְף מֶען צוּקוּמֶען צוּ שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת פוּן פַאסְטְן אוּן זִיךְ פַּיינִיגְן. זֶע דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִינֶעוֵוייניג (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן פ"ו).

וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְווּאוּנְדֶערְט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, "אִיךְ הָאבּ דָאךְ אֱמוּנָה, פַארְוָואס רֶעדְט דֶער רֶבִּי צוּ מִיר פוּן דִי זַאכְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה?", דֶער רֶבִּי הָאט גְלַייךְ גֶעווּאוּסְט זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ שְׁטִיקֶל גֶעשְׁרֵיי, "אוּן אוֹיבּ הָאסְטוּ יָא אֱמוּנָה, הָאסְטוּ אִין דִיר קַיין אֱמוּנָה נִיט", דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְמַאנְט דֶעם מַאֲמָר חֲזַ"ל (סוֹטָה מ"ח:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (זְכַרְיָה ד', י') "כִּי מִי בַז לְיוֹם קְטַנּוֹת", וָואס חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיף דֶעם, "וֶוער הָאט גֶעמַאכְט אַז דִי טִישׁ פוּן דִי צַדִּיקִים זָאל שְׁוַואךְ וֶוערְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט? דִי קַטְנוּת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אִין זִיךְ", דָאס וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אִין זִיךְ אַלֵיין.

מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן דִי רֵייד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז אַ אִיד דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ אַלֵיין, עֶר דַארְף גְלֵייבְּן אַז אוֹיךְ עֶר אִיז בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל לוֹיט דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן גוּטְסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר אוֹיךְ גְרוֹיס אוּן חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה
גֶענוּמֶען פוּן
סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

**נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'**

# קרית ברסלב ליבערטי, צייכענט אפ זעקס יאר

ערב שבת קודש פרשת בהעלותך, איז געווארן אפגעצייכנט זעקס יאר פון י"ז סיון תשע"ט ווען אנשי שלומינו האבן זיך אפיציעל אנגעהויבן אריינציען אינעם נייעם שטעטל וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געגרינדעט. דאן האט עס אויסגעזען ווי א ווייטע חלום, א שטעטל אינעם ווייטן און וויסטן ליבערטי? אבער געלויבט דעם אויבערשטן מיט סייעתא דשמיא, שטייט מען היינט בלויז זעקס יאר שפעטער, און עס געפונט זיך דארט א הערליכע בליענדע שטעטל ווי קרוב צו צוויי הונדערט און פופציג משפחות יראים ושלמים לעבן אינעם שויס פונעם נאטור מיט'ן אויבערשטן, און אלעס איז ברוך השם געפאלן אין פלאץ, און עס פעלט גארנישט פאר'ן שטעטל ברוחניות ובגשמיות.

היינט צו טאגס פארמאגט דער שטעטל אלע רוחניות'דיגע געברויכן, מען דאווענט טעגליך אין די צוויי וואכן שולן, מיט די צענטראלע שול וואס מען האט נארוואס באנייט וואס דינט ווי א מנינים צענטער מיט כסדר'דיגע מנינים שחרית מנחה און מעריב, אזוי אויך פארמאגט עס א גרויסע לופטיגע היכל התורה, דער שטעטל פארמאגט פיר מקוואות טהרה, א גרויסע תלמוד תורה און מיידל שולע ווי די קינדער ווערן נתחנך מיט יראת שמים און מידות טובות, א ישיבה פאר די בחורים, א סעמינאר פאר מיידלעך, א כולל פאר די אינגעלייט, א אינגל קעמפ, א מיידל קעמפ און א קאנטרי פאר שטאטישע משפחות, א גרויסע בית הדפוס, דער מכון "עצתו אמונה", א מהודר'דיגע מצה בעקעריי, א בית הוראה - בראשות פונעם דיין שליט"א, וועד הכשרות, א מהודר'דיגע עירוב מיט א וועד העירובין, א בית השחיטה מיט פיר אויסגעצייכנטע שוחטים, און נאך.

אין די יעצטיגע טעג ארבעט מען העפטיג צו בויען צוויי פרישע בנינים פאר'ן חדר און מיידל שולע, אזוי אויך ארבעט מען צו קענען גרינדן א בית החיים.

די חסד וואס עס טוט זיך דא איז אין לשער, כמעט יעדער אין שטעטל נעמט אן אקטיווע טייל אין איינע פון די פילע וואלונטירישע ארגאניזאציעס, ווי ביקור חולים וועלכע שיקן אפ פרישטאג און נאכטמאל פאר קימפעטארינס וכדומה, וויפיל געבן זיך אוועק פאר הצלה, פייער דעפארטמענט, חברים, חביבים, אדער די בית התבשיל וואס פארטיילט עסן בחנם, פילע פרויען וועלכע געבן אוועק צענדליגע שעות א וואך פאר איינע פון די צוויי באזארן - איינס פאר קליידער און איינס פאר פורניטשור - ווי מען פארקויפט אלעס פאר כמעט בחנם, אדער צו העלפן אינעם קימפעטארן היים, פילע אינגעלייט געבן זיך אוועק צו שרייבן פאר'ן צייטונג "קרית ברסלב בלעטל" אז מען זאל האבן ערליכע לייען מאטריאל פאר מענער פרויען און די קינדער.

פון א גשמיות'דיגע בליק פארמאגט די שטעטל א גוט אהערגעשטעלטע שאטל סערוויס צו טראגן מענטשן פון איין געגענט צום צווייטן, די אינגעלייט און בעלי בתים שטעלן זיך אויך ב"ה גוט אוועק מיט פרנסות, די שטעטל פארמאגט פילע געשעפטן פון אלע געברויכן פון ספרים, קליידער, שפילצייגן, א גרויסע סופערמארקעט און נאך, אזוי אויך טוען פילע אין די קאנסטראקשן ליין, אזוי אויך זענען דא פילע האלסעיל און סערוויס ביזנעסער.

דער עיקר פונעם שטעטל איז אבער נישט בכמות, נאר באיכות, מענער, פרויען, און קינדער, לעבן אלע מיט תכלית, זיי לעבן מיט'ן ציל צו דינען דעם אייבערשטן, און נאר צו געפעלן פאר אים, מען געדענקט אז כדי צו האבן א גוט לעבן דארף מען אויפבויען א גוטע רילעשנשיפ מיט'ן אויבערשטן, ווייל אויב האט מען א גוטע קאנעקשאן איז מען א געהאלפענער, און מיט דעם וועג וועט מען בעז"ה ווייטער גיין, ביז משיח צדקינו.

צווישן די גראז, הימל, אוןביימער, שפאצירט מען מיט'ן אייבערשטן, מען שמועסט זיך אויס דאס הארץ מיט אים, יעדן טאג געבט מען אוועק עטליכע מינוט צו דאנקען דעם אייבערשטן, איבערבעטן דעם אייבערשטן, און בעטן אויף ווייטער, און דאס געבט פאר'ן עולם די כח און מח צו קענען אנגיין אין לעבן, און מצליח זיין אין אלעס.

**אבן מאסו הבונים, היתה לראש פינה**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יואל משה פליישמאן** שליט"א קרית ברסלב
מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **אלי קנאלל** הי"ו מאנסי
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **יודל דעפריס** הי"ו קרית ברסלב
**צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב**
החתן **אהרן** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **משה פעלדמאן** הי"ו מאנסי

## מיין ליבער טאטע

**אז מען האט געליטן אלס קינד פון די עלטערן, מען האט טראמא פון דעם, וואס איז די ריכטיגע צוגאנג אויסצוהיילן די וואונדן?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 11, 2, 32**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**